# ו

א וַיְהִי כִּי־הֵחֵל הָאָדָם לָרֹב עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה וּבָנוֹת יֻלְּדוּ
ב לָהֶם׃ וַיִּרְאוּ בְנֵי־הָאֱלֹהִים אֶת־בְּנוֹת הָאָדָם כִּי טֹבֹת הֵנָּה
ג וַיִּקְחוּ לָהֶם נָשִׁים מִכֹּל אֲשֶׁר בָּחָרוּ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה לֹא־
יָדוֹן רוּחִי בָאָדָם לְעֹלָם בְּשַׁגַּם הוּא בָשָׂר וְהָיוּ יָמָיו מֵאָה
ד וְעֶשְׂרִים שָׁנָה׃ הַנְּפִלִים הָיוּ בָאָרֶץ בַּיָּמִים הָהֵם וְגַם אַחֲרֵי־
כֵן אֲשֶׁר יָבֹאוּ בְּנֵי הָאֱלֹהִים אֶל־בְּנוֹת הָאָדָם וְיָלְדוּ לָהֶם
הֵמָּה הַגִּבֹּרִים אֲשֶׁר מֵעוֹלָם אַנְשֵׁי הַשֵּׁם׃ פ
מפ' וַיַּרְא יְהוָה כִּי רַבָּה רָעַת הָאָדָם בָּאָרֶץ וְכָל־יֵצֶר
ו מַחְשְׁבֹת לִבּוֹ רַק רַע כָּל־הַיּוֹם׃ וַיִּנָּחֶם יְהוָה כִּי־עָשָׂה
ז אֶת־הָאָדָם בָּאָרֶץ וַיִּתְעַצֵּב אֶל־לִבּוֹ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶמְחֶה
אֶת־הָאָדָם אֲשֶׁר־בָּרָאתִי מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה מֵאָדָם עַד־
בְּהֵמָה עַד־רֶמֶשׂ וְעַד־עוֹף הַשָּׁמָיִם כִּי נִחַמְתִּי כִּי עֲשִׂיתִם׃
ח וְנֹחַ מָצָא חֵן בְּעֵינֵי יְהוָה׃ פ

ו 1 און עס איז געווען, אַז די מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן מערן אויפֿן געזיכט פֿון דער ערד, און בײַ זיי זײַנען געבאָרן געוואָרן טעכטער, 2 האָבן די זין פֿון גאָט[א] געזען די טעכטער פֿון מענטשן אַז זיי זײַנען שיין, און זיי האָבן זיך גענומען ווײַבער וועמען־נאָר זיי האָבן אויסדערוויילט. 3 האָט גאָט געזאָגט: מײַן גײַסט זאָל ניט בלײַבן אין דעם מענטשן אויף אייביק, וואָרום ער איז פֿאָרט פֿלייש; נאָר זײַנע טעג זאָלן זײַן הונדערט און צוואַנציק יאָר.

4 די נפֿילים זײַנען געווען אויף דער ערד אין יענע טעג–און אויך דערנאָך–ווען די זין פֿון גאָט פֿלעגן קומען צו די טעכטער פֿון מענטשן, און זיי פֿלעגן געבערן פֿון זיי; דאָס זײַנען די גיבורים וואָס פֿון פֿאַרצײַטן, מענער מיט אַ נאָמען.

5 און גאָט האָט געזען אַז דאָס בייז פֿון דעם מענטשן איז גרויס אויף דער ערד, און די גאַנצע טראַכטונג פֿון די מחשבות פֿון זײַן האַרצן איז רק צום בייזן אַ גאַנצן טאָג. 6 און גאָט האָט חרטה געהאַט וואָס ער האָט געמאַכט דעם מענטשן אויף דער ערד, און ער איז געווען באַקומערט אין זײַן האַרצן. 7 און גאָט האָט געזאָגט: איך וועל אָפּמעקן דעם מענטשן וואָס איך האָב באַשאַפֿן, פֿון דעם געזיכט פֿון דער ערד; פֿון אַ מענטשן ביז אַ בהמה, ביז אַ שרץ, און ביז אַ פֿויגל פֿון הימל; וואָרום איך האָב חרטה וואָס איך האָב זיי געמאַכט. 8 אָבער נח האָט געפֿונען לײַטזעליקייט אין די אויגן פֿון גאָט.

## נ ח

ט אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו
י אֶת־הָאֱלֹהִים הִתְהַלֶּךְ־נֹחַ׃ וַיּוֹלֶד נֹחַ שְׁלֹשָׁה בָנִים אֶת־
יא שֵׁם אֶת־חָם וְאֶת־יָפֶת׃ וַתִּשָּׁחֵת הָאָרֶץ לִפְנֵי הָאֱלֹהִים
יב וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ חָמָס׃ וַיַּרְא אֱלֹהִים אֶת־הָאָרֶץ וְהִנֵּה
נִשְׁחָתָה כִּי־הִשְׁחִית כָּל־בָּשָׂר אֶת־דַּרְכּוֹ עַל־הָאָרֶץ׃ ס
יג וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים לְנֹחַ קֵץ כָּל־בָּשָׂר בָּא לְפָנַי כִּי־מָלְאָה
יד הָאָרֶץ חָמָס מִפְּנֵיהֶם וְהִנְנִי מַשְׁחִיתָם אֶת־הָאָרֶץ׃ עֲשֵׂה
לְךָ תֵּבַת עֲצֵי־גֹפֶר קִנִּים תַּעֲשֶׂה אֶת־הַתֵּבָה וְכָפַרְתָּ אֹתָהּ
טו מִבַּיִת וּמִחוּץ בַּכֹּפֶר׃ וְזֶה אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה אֹתָהּ שְׁלֹשׁ מֵאוֹת
אַמָּה אֹרֶךְ הַתֵּבָה חֲמִשִּׁים אַמָּה רָחְבָּהּ וּשְׁלֹשִׁים אַמָּה
טז קוֹמָתָהּ׃ צֹהַר ׀ תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה וְאֶל־אַמָּה תְּכַלֶּנָּה מִלְמַעְלָה
וּפֶתַח הַתֵּבָה בְּצִדָּהּ תָּשִׂים תַּחְתִּיִּם שְׁנִיִּם וּשְׁלִשִׁים
יז תַּעֲשֶׂהָ׃ וַאֲנִי הִנְנִי מֵבִיא אֶת־הַמַּבּוּל מַיִם עַל־הָאָרֶץ

9 דאָס איז די געשיכטע פֿון נחן. נח איז געווען אַ גערעכטער, ערלעכער מאַן אין זײַן דור; מיט גאָט איז געגאַנגען נח. 10 און נח האָט געבאָרן דרײַ זין: שם, חם, און יפֿת. 11 און די ערד איז פֿאַרדאָרבן געוואָרן פֿאַר גאָט, און די ערד איז פֿול געוואָרן מיט אומרעכט. 12 און גאָט האָט געזען די ערד, ערשט זי איז פֿאַרדאָרבן, ווײַל יעטוועדער לײַב האָט פֿאַרדאָרבן זײַן וועג אויף דער ערד. 13 און גאָט האָט געזאָגט צו נחן: דער סוף פֿון אַלע לײַבער איז געקומען פֿאַר מיר, וואָרום די ערד איז פֿול מיט אומרעכט דורך זיי; און זע, איך ברענג זיי אום מיט דער ערד. 14 מאַך דיר אַ תּבֿה פֿון פֿימסנהאָלץ; אין קאַמערן זאָלסטו מאַכן די תּבֿה, און זאָלסט זי אויספּעכן פֿון אינעווייניק און פֿון אויסנווייניק מיט פּעך. 15 און אָט ווי דו זאָלסט זי מאַכן: דרײַ הונדערט איילן די לענג פֿון דער תּבֿה, פֿופֿציק איילן איר ברייט, און דרײַסיק איילן איר הייך. 16 אַ גיבלדאַך זאָלסטו מאַכן צו דער תּבֿה, און אויף אַן איל [די ברייט] זאָלסטו זי פֿאַרענדיקן פֿון אויבן; און דעם אײַנגאַנג פֿון דער תּבֿה זאָלסטו מאַכן אין איר זײַט; מיט אַן אונטערשטן, צווייטן, און דריטן שטאָק זאָלסטו זי מאַכן. 17 און איך, זע, איך ברענג אַ מבול וואַסער אויף דער

[א] די מלאָכים.

לְשַׁחֵת כָּל־בָּשָׂר אֲשֶׁר־בּוֹ רוּחַ חַיִּים מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם כֹּל
יח אֲשֶׁר־בָּאָרֶץ יִגְוָע׃ וַהֲקִמֹתִי אֶת־בְּרִיתִי אִתָּךְ וּבָאתָ אֶל־
יט הַתֵּבָה אַתָּה וּבָנֶיךָ וְאִשְׁתְּךָ וּנְשֵׁי־בָנֶיךָ אִתָּךְ׃ וּמִכָּל־הָחַי
מִכָּל־בָּשָׂר שְׁנַיִם מִכֹּל תָּבִיא אֶל־הַתֵּבָה לְהַחֲיֹת אִתָּךְ
כ זָכָר וּנְקֵבָה יִהְיוּ׃ מֵהָעוֹף לְמִינֵהוּ וּמִן־הַבְּהֵמָה לְמִינָהּ
מִכֹּל רֶמֶשׂ הָאֲדָמָה לְמִינֵהוּ שְׁנַיִם מִכֹּל יָבֹאוּ אֵלֶיךָ
כא לְהַחֲיוֹת׃ וְאַתָּה קַח־לְךָ מִכָּל־מַאֲכָל אֲשֶׁר יֵאָכֵל וְאָסַפְתָּ
כב אֵלֶיךָ וְהָיָה לְךָ וְלָהֶם לְאָכְלָה׃ וַיַּעַשׂ נֹחַ כְּכֹל אֲשֶׁר צִוָּה
אֹתוֹ אֱלֹהִים כֵּן עָשָׂה׃

ז

שני וַיֹּאמֶר יְהוָה לְנֹחַ בֹּא־אַתָּה וְכָל־בֵּיתְךָ אֶל־הַתֵּבָה כִּי־
ב אֹתְךָ רָאִיתִי צַדִּיק לְפָנַי בַּדּוֹר הַזֶּה׃ מִכֹּל ׀ הַבְּהֵמָה
הַטְּהוֹרָה תִּקַּח־לְךָ שִׁבְעָה שִׁבְעָה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ וּמִן־
ג הַבְּהֵמָה אֲשֶׁר לֹא טְהֹרָה הִוא שְׁנַיִם אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ׃ גַּם
מֵעוֹף הַשָּׁמַיִם שִׁבְעָה שִׁבְעָה זָכָר וּנְקֵבָה לְחַיּוֹת זֶרַע עַל־
ד פְּנֵי כָל־הָאָרֶץ׃ כִּי לְיָמִים עוֹד שִׁבְעָה אָנֹכִי מַמְטִיר עַל־
הָאָרֶץ אַרְבָּעִים יוֹם וְאַרְבָּעִים לָיְלָה וּמָחִיתִי אֶת־כָּל־
ה הַיְקוּם אֲשֶׁר עָשִׂיתִי מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה׃ וַיַּעַשׂ נֹחַ כְּכֹל
ו אֲשֶׁר־צִוָּהוּ יְהוָה׃ וְנֹחַ בֶּן־שֵׁשׁ מֵאוֹת שָׁנָה וְהַמַּבּוּל הָיָה
ז מַיִם עַל־הָאָרֶץ׃ וַיָּבֹא נֹחַ וּבָנָיו וְאִשְׁתּוֹ וּנְשֵׁי־בָנָיו אִתּוֹ אֶל־
ח הַתֵּבָה מִפְּנֵי מֵי הַמַּבּוּל׃ מִן־הַבְּהֵמָה הַטְּהוֹרָה וּמִן־
הַבְּהֵמָה אֲשֶׁר אֵינֶנָּה טְהֹרָה וּמִן־הָעוֹף וְכֹל אֲשֶׁר־רֹמֵשׂ
ט עַל־הָאֲדָמָה׃ שְׁנַיִם שְׁנַיִם בָּאוּ אֶל־נֹחַ אֶל־הַתֵּבָה זָכָר
י וּנְקֵבָה כַּאֲשֶׁר צִוָּה אֱלֹהִים אֶת־נֹחַ׃ וַיְהִי לְשִׁבְעַת הַיָּמִים
יא וּמֵי הַמַּבּוּל הָיוּ עַל־הָאָרֶץ׃ בִּשְׁנַת שֵׁשׁ־מֵאוֹת שָׁנָה לְחַיֵּי־
נֹחַ בַּחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי בְּשִׁבְעָה־עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ בַּיּוֹם הַזֶּה
נִבְקְעוּ כָּל־מַעְיְנוֹת תְּהוֹם רַבָּה וַאֲרֻבֹּת הַשָּׁמַיִם נִפְתָּחוּ׃

---

ו, יט׳ ההיא בקמץ

ערד, אומצוברענגען יעטוועדער לייב וואָס אין אים איז דאָ אַן אָטעם פון לעבן, פון אונטערן הימל; אַלץ וואָס אויף דער ערד וועט אומקומען. [18] אָבער איך וועל אויפֿשטעלן מיין בונד מיט דיר, און וועסט אַריינגיין אין דער תבה, דו און דיינע זין, און דיין ווייב, און דיינע זינס ווייבער, מיט דיר. [19] און פון אַלץ וואָס לעבט, פון אַלע לייבער, זאָלסטו אַריינברענגען צו צוויי פון איטלעכן אין דער תבה, אויף צו דערהאַלטן ביים לעבן מיט דיר; אַ זָכר און אַ נקבה זאָלן זיי זיין. [20] פון די פויגלען לויט זייערע מינים, און פון די בהמות לויט זייערע מינים, פון אַלע שרצים פון דער ערד לויט זייערע מינים, צו צוויי פון איטלעכן זאָלן אַריינגיין צו דיר, אויף צו דערהאַלטן ביים לעבן. [21] און דו נעם דיר פון יעטוועדער עסנוואַרג וואָס ווערט געגעסן, און זאַמל איין צו דיר, כּדי עס זאָל זיין פאַר דיר און פאַר זיי צום עסן.

[22] און נח האָט אַזוי געטאָן; אַזוי ווי אַלץ וואָס גאָט האָט אים באַפוילן, אַזוי האָט ער געטאָן.

ז [1] און גאָט האָט געזאָגט צו נחן: גיי אַריין דו און דיין גאַנץ הויזגעזינט אין דער תבה, וואָרום דיך האָב איך געזען גערעכט פאַר מיר אין דעמדאָזיקן דָור. [2] פון אַלע ריינע בהמות זאָלסטו דיר נעמען צו זיבן און זיבן, איטלעכס מיט זיין פּאָר; און פון די בהמות וואָס זיי זיינען ניט ריין, צו צוויי, איטלעכס מיט זיין פּאָר. [3] אויך פון די פויגלען פון הימל צו זיבן און זיבן, אַן ער און אַ זי, כּדי צו דערהאַלטן זאָמען אויפֿן געזיכט פון דער גאַנצער ערד. [4] וואָרום אין זיבן טעג אַרום, מאַך איך רעגענען אויף דער ערד פערציק טעג און פערציק נעכט, און איך וועל אָפּמעקן דעם גאַנצן באַשטאַנד וואָס איך האָב געמאַכט, פון דעם געזיכט פון דער ערד.

[5] און נח האָט געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס גאָט האָט אים באַפוילן.

[6] און נח איז געווען זעקס הונדערט יאָר אַלט, ווען דער מבול איז געווען אויף דער ערד. [7] און נח, און זיינע זין, און זיין ווייב, און זיינע זינס ווייבער, מיט אים, זיינען אַריינגעגאַנגען אין דער תבה, פון וועגן דעם וואַסער פון מבול. [8] פון די ריינע בהמות, און פון די בהמות וואָס זיינען ניט ריין, און פון די פויגלען און אַלץ וואָס קריכט אויף דער ערד, [9] זיינען צו צוויי צו צוויי אַריינגעגאַנגען צו נחן אין דער תבה, אַ זָכר און אַ נקבה, אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן נחן.

[10] און עס איז געווען צו זיבן טעג, אַזוי איז דאָס וואַסער פון מבול געווען אויף דער ערד. [11] אין דעם זעקס הונדערטסטן יאָר פון נחס לעבן, אין צווייטן חודש, אין זיבעצנטן טאָג פון חודש, אין דעמדאָזיקן טאָג האָבן אויסגעבראָכן אַלע קוואַלן פון גרויסן תהום, און די פענצטער פון הימל האָבן זיך געעפנט.

יב וַיְהִי הַגֶּשֶׁם עַל־הָאָרֶץ אַרְבָּעִים יוֹם וְאַרְבָּעִים לָיְלָה׃
יג בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה בָּא נֹחַ וְשֵׁם־וְחָם וָיֶפֶת בְּנֵי־נֹחַ וְאֵשֶׁת
יד נֹחַ וּשְׁלֹשֶׁת נְשֵׁי־בָנָיו אִתָּם אֶל־הַתֵּבָה׃ הֵמָּה וְכָל־הַחַיָּה
לְמִינָהּ וְכָל־הַבְּהֵמָה לְמִינָהּ וְכָל־הָרֶמֶשׂ הָרֹמֵשׂ עַל־
הָאָרֶץ לְמִינֵהוּ וְכָל־הָעוֹף לְמִינֵהוּ כֹּל צִפּוֹר כָּל־כָּנָף׃
טו וַיָּבֹאוּ אֶל־נֹחַ אֶל־הַתֵּבָה שְׁנַיִם שְׁנַיִם מִכָּל־הַבָּשָׂר אֲשֶׁר־
טז בּוֹ רוּחַ חַיִּים׃ וְהַבָּאִים זָכָר וּנְקֵבָה מִכָּל־בָּשָׂר בָּאוּ
שלי׳ כַּאֲשֶׁר צִוָּה אֹתוֹ אֱלֹהִים וַיִּסְגֹּר יְהוָה בַּעֲדוֹ׃ וַיְהִי הַמַּבּוּל
אַרְבָּעִים יוֹם עַל־הָאָרֶץ וַיִּרְבּוּ הַמַּיִם וַיִּשְׂאוּ אֶת־הַתֵּבָה
יח וַתָּרָם מֵעַל הָאָרֶץ׃ וַיִּגְבְּרוּ הַמַּיִם וַיִּרְבּוּ מְאֹד עַל־הָאָרֶץ
יט וַתֵּלֶךְ הַתֵּבָה עַל־פְּנֵי הַמָּיִם׃ וְהַמַּיִם גָּבְרוּ מְאֹד מְאֹד
עַל־הָאָרֶץ וַיְכֻסּוּ כָּל־הֶהָרִים הַגְּבֹהִים אֲשֶׁר־תַּחַת כָּל־
כ הַשָּׁמָיִם׃ חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה אַמָּה מִלְמַעְלָה גָּבְרוּ הַמָּיִם וַיְכֻסּוּ
כא הֶהָרִים׃ וַיִּגְוַע כָּל־בָּשָׂר ׀ הָרֹמֵשׂ עַל־הָאָרֶץ בָּעוֹף וּבַבְּהֵמָה
כב וּבַחַיָּה וּבְכָל־הַשֶּׁרֶץ הַשֹּׁרֵץ עַל־הָאָרֶץ וְכֹל הָאָדָם׃ כֹּל
אֲשֶׁר נִשְׁמַת־רוּחַ חַיִּים בְּאַפָּיו מִכֹּל אֲשֶׁר בֶּחָרָבָה מֵתוּ׃
כג וַיִּמַח אֶת־כָּל־הַיְקוּם ׀ אֲשֶׁר ׀ עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה מֵאָדָם
עַד־בְּהֵמָה עַד־רֶמֶשׂ וְעַד־עוֹף הַשָּׁמַיִם וַיִּמָּחוּ מִן־הָאָרֶץ
כד וַיִּשָּׁאֶר אַךְ־נֹחַ וַאֲשֶׁר אִתּוֹ בַּתֵּבָה׃ וַיִּגְבְּרוּ הַמַּיִם עַל־
הָאָרֶץ חֲמִשִּׁים וּמְאַת יוֹם׃

## ח

א וַיִּזְכֹּר אֱלֹהִים אֶת־נֹחַ וְאֵת כָּל־הַחַיָּה וְאֶת־כָּל־הַבְּהֵמָה
אֲשֶׁר אִתּוֹ בַּתֵּבָה וַיַּעֲבֵר אֱלֹהִים רוּחַ עַל־הָאָרֶץ וַיָּשֹׁכּוּ
ב הַמָּיִם׃ וַיִּסָּכְרוּ מַעְיְנֹת תְּהוֹם וַאֲרֻבֹּת הַשָּׁמָיִם וַיִּכָּלֵא
ג הַגֶּשֶׁם מִן־הַשָּׁמָיִם׃ וַיָּשֻׁבוּ הַמַּיִם מֵעַל הָאָרֶץ הָלוֹךְ וָשׁוֹב
ד וַיַּחְסְרוּ הַמַּיִם מִקְצֵה חֲמִשִּׁים וּמְאַת יוֹם׃ וַתָּנַח הַתֵּבָה
בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בְּשִׁבְעָה־עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ עַל הָרֵי אֲרָרָט׃

---

ז׳, כג׳ רמי רפה

[12] און דער רעגן איז געווען אויף דער ערד פערציק טעג און פערציק נעכט.

[13] אין דעמדאָזיקן אייגענעם טאָג זיינען אַריינגעגאַנגען נח, און שֵם, און חָם, און יֶפֶת, נחס זין, און נחס ווייב, און די דריי ווייבער פון זיינע זין מיט זיי, אין דער תבה; [14] זיי, און אַלע חיות לויט זייערע מינים, און אַלע בהמות לויט זייערע מינים, און אַלע שרצים וואָס קריכן אויף דער ערד לויט זייערע מינים, און אַלע עופות לויט זייערע מינים, איטלעך פויגל, איטלעך געפליגל. [15] און זיי זיינען אַריינגעגאַנגען צו נחן אין דער תבה, צו צוויי, צו צוויי פון אַלע לייבער וואָס אין זיי איז דאָ אַן אָטעם פון לעבן. [16] און די וואָס זיינען אַריינגעגאַנגען, זיינען אַריינגעגאַנגען אַ זָכר און אַ נקבה פון אַלע לייבער, אַזוי ווי גאָט האָט אים באַפוילן; און גאָט האָט פאַרשלאָסן הינטער אים.

[17] און דער מבול איז געווען פערציק טעג אויף דער ערד, און די וואַסערן האָבן זיך געמערט, און זיי האָבן געטראָגן די תבה, און זי האָט זיך אויפגעהויבן איבער דער ערד. [18] און די וואַסערן האָבן זיך געשטאַרקט, און האָבן זיך זייער געמערט אויף דער ערד, און די תבה איז געגאַנגען אויף דער אויבערפלעך פון די וואַסערן. [19] און די וואַסערן האָבן זיך זייער זייער געשטאַרקט אויף דער ערד; און עס זיינען פאַרדעקט געוואָרן אַלע הויכע בערג וואָס אונטערן גאַנצן הימל. [20] פופצן איילן אַריבער האָבן זיך די וואַסערן געשטאַרקט, און די בערג זיינען פאַרדעקט געוואָרן. [21] און עס איז אומגעקומען יעטוועדער לייב וואָס באַוועגט זיך אויף דער ערד, סיי אַ פויגל, סיי אַ בהמה, סיי אַ חיה, סיי יעטוועדער שרץ וואָס קריכט אויף דער ערד, און יעטוועדער מענטש; [22] אַלץ וואָס אין זיינע נאָזלעכער איז געווען אַ הויך פון אַ לעבעדיקן אָטעם, אַלץ וואָס אויף דער יבשה, איז געשטאָרבן. [23] און ער האָט אָפּגעמעקט דעם גאַנצן באַשטאַנד וואָס אויפן געזיכט פון דער ערד, פון אַ מענטשן ביז אַ בהמה, ביז אַ שרץ, און ביז אַ פויגל פון הימל; און זיי זיינען אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד, און נאָר נח איז געבליבן, און די וואָס מיט אים אין דער תבה. [24] און די וואַסערן האָבן זיך געשטאַרקט אויף דער ערד הונדערט און פופציק טעג.

ח [1] און גאָט האָט געדאַכט אָן נחן, און אָן אַלע חיות, און אָן אַלע בהמות, וואָס מיט אים אין דער תבה, און גאָט האָט געמאַכט אַריבערגיין אַ ווינט אויף דער ערד, און די וואַסערן האָבן זיך איינגעשטילט. [2] און עס זיינען פאַרשטאָפּט געוואָרן די קוואַלן פון תהום, און די פענצטער פון הימל; און דער רעגן פון הימל איז פאַרהאַלטן געוואָרן. [3] און די וואַסערן האָבן געהאַלטן אין איין אָפּטרעטן פון דער ערד; און די וואַסערן זיינען געמינערט געוואָרן צום סוף פון הונדערט און פופציק טעג. [4] און די תבה האָט גערוט אין זיבעטן חודש, אין זיבעצנטן טאָג פון חודש, אויף די בערג פון אַררט.

[5] און די וואַסערן האָבן געהאַלטן אין איין געמינערט ווערן ביזן צענטן חודש; אין צענטן חודש, אין ערשטן טאָג פון חודש, האָבן זיך באַוויזן די שפּיצן פון די בערג.

[6] און עס איז געווען צום סוף פון פערציק טעג, האָט נח געעפנט דעם פענצטער פון דער תּבה וואָס ער האָט געמאַכט. [7] און ער האָט אַרויסגעשיקט דעם ראָב, און ער איז אַרויס הין און צוריק, ביז דאָס וואַסער איז אָפּגע־טריקנט געוואָרן פון דעם גערזיכט פון דער ערד. [8] האָט ער אַרויסגעשיקט פון זיך די טויב, צו זען אויב דאָס וואַסער איז אָפּגעפאַלן פון דעם געזיכט פון דער ערד. [9] אָבער די טויב האָט ניט געפונען קיין אָפּרו פאַר איר פוסטריט, און זי האָט זיך אומגעקערט צו אים אין דער תּבה, ווייל וואַסער איז געווען אויפן געזיכט פון דער גאַנצער ערד. האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַנט, און האָט זי גענומען און זי אַריינגעבראַכט צו זיך אין דער תּבה. [10] און ער האָט אָפּגעוואַרט נאָך אַנדערע זיבן טעג, און האָט ווידער אַרויסגעשיקט די טויב פון דער תּבה. [11] און די טויב איז געקומען אין אָוונטצייט, ערשט אַן אָפּ־געריסן איילבערטבלאַט איז אין איר מויל, און נח האָט געוווּסט אַז דאָס וואַסער איז אָפּגעפאַלן פון דער ערד. [12] האָט ער אָפּגעוואַרט נאָך אַנדערע זיבן טעג, און האָט אַרויסגעשיקט די טויב, און זי האָט זיך מער ניט אומגע־קערט צו אים ווידער.

[13] און עס איז געווען אין דעם זעקס הונדערט און ערשטן יאָר, אין ערשטן חודש, אין ערשטן טאָג פון חודש, איז אָפּגעטריקנט געוואָרן דאָס וואַסער פון דער ערד, און נח האָט אַראָפּגענומען דעם דעק פון דער תּבה, און האָט אַ קוק געטאָן, ערשט דאָס געזיכט פון דער ערד איז טרוקן. [14] און אין צווייטן חודש, אין זיבן און צוואַנציקסטן טאָג פון חודש, איז אויסגעטריקנט געוואָרן די ערד.

[15] און גאָט האָט גערעדט צו נחן, אַזוי צו זאָגן: [16] גיי אַרויס פון דער תּבה, דו, און דיין ווייב, און דיינע זין, און די ווייבער פון דיינע זין, מיט דיר. [17] יעטוועדער לעבעדיקע זאַך וואָס מיט דיר, פון אַלע לייבער, סיי אַ פויגל, סיי אַ בהמה, סיי יעטוועדער שרץ וואָס קריכט אויף דער ערד, ברענג אַרויס מיט זיך, און זיי זאָלן זיך ווידמענען אויף דער ערד, און זיך פרוכפּערן און מערן אויף דער ערד.

[18] איז אַרויסגעגאַנגען נח, און זיינע זין, און זיין ווייב, און זיינע זינס ווייבער, מיט אים. [19] יעטוועדער חיה, יעט־וועדער שרץ, און יעטוועדער פויגל, אַלץ וואָס באַוועגט זיך אויף דער ערד, לויט זייערע משפּחות, זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער תּבה. [20] און נח האָט געבויט אַ מזבח צו גאָט, און ער האָט גענומען פון אַלע ריינע בהמות, און פון אַלע ריינע פויגלען, און האָט אויפגעבראַכט בראַנדאָפּפער אויפן מזבח. [21] און גאָט האָט געשמעקט דעם גע־שמאַקן ריח, און גאָט האָט געזאָגט אין זיין האַרצן: איך וועל מער ווידער ניט פאַרשילטן די ערד פון וועגן דעם מענטשן; וואָרום די טראַכטונג פון דעם מענטשנס האַרצן איז שלעכט פון זיין יוגנט אָן; און איך וועל מער ווידער ניט דערשלאָגן אַלץ וואָס לעבט, אַזוי ווי איך האָב געטאָן. [22] אַזוי לאַנג ווי די טעג פון דער ערד, זאָל זייאונג

ה וְהַמַּיִם הָיוּ הָלוֹךְ וְחָסוֹר עַד הַחֹדֶשׁ הָעֲשִׂירִי בָּעֲשִׂירִי
ו בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ נִרְאוּ רָאשֵׁי הֶהָרִים׃ וַיְהִי מִקֵּץ אַרְבָּעִים
ז יוֹם וַיִּפְתַּח נֹחַ אֶת־חַלּוֹן הַתֵּבָה אֲשֶׁר עָשָׂה׃ וַיְשַׁלַּח אֶת־
הָעֹרֵב וַיֵּצֵא יָצוֹא וָשׁוֹב עַד־יְבֹשֶׁת הַמַּיִם מֵעַל הָאָרֶץ׃
ח וַיְשַׁלַּח אֶת־הַיּוֹנָה מֵאִתּוֹ לִרְאוֹת הֲקַלּוּ הַמַּיִם מֵעַל פְּנֵי
ט הָאֲדָמָה׃ וְלֹא־מָצְאָה הַיּוֹנָה מָנוֹחַ לְכַף־רַגְלָהּ וַתָּשָׁב
אֵלָיו אֶל־הַתֵּבָה כִּי מַיִם עַל־פְּנֵי כָל־הָאָרֶץ וַיִּשְׁלַח יָדוֹ
י וַיִּקָּחֶהָ וַיָּבֵא אֹתָהּ אֵלָיו אֶל־הַתֵּבָה׃ וַיָּחֶל עוֹד שִׁבְעַת
יא יָמִים אֲחֵרִים וַיֹּסֶף שַׁלַּח אֶת־הַיּוֹנָה מִן־הַתֵּבָה׃ וַתָּבֹא
אֵלָיו הַיּוֹנָה לְעֵת עֶרֶב וְהִנֵּה עֲלֵה־זַיִת טָרָף בְּפִיהָ וַיֵּדַע
יב נֹחַ כִּי־קַלּוּ הַמַּיִם מֵעַל הָאָרֶץ׃ וַיִּיָּחֶל עוֹד שִׁבְעַת יָמִים
יג אֲחֵרִים וַיְשַׁלַּח אֶת־הַיּוֹנָה וְלֹא־יָסְפָה שׁוּב־אֵלָיו עוֹד׃ וַיְהִי
בְּאַחַת וְשֵׁשׁ־מֵאוֹת שָׁנָה בָּרִאשׁוֹן בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ חָרְבוּ
הַמַּיִם מֵעַל הָאָרֶץ וַיָּסַר נֹחַ אֶת־מִכְסֵה הַתֵּבָה וַיַּרְא וְהִנֵּה
יד חָרְבוּ פְּנֵי הָאֲדָמָה׃ וּבַחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי בְּשִׁבְעָה וְעֶשְׂרִים יוֹם
רב׳ לַחֹדֶשׁ יָבְשָׁה הָאָרֶץ׃ ס וַיְדַבֵּר אֱלֹהִים אֶל־נֹחַ לֵאמֹר׃
טז צֵא מִן־הַתֵּבָה אַתָּה וְאִשְׁתְּךָ וּבָנֶיךָ וּנְשֵׁי־בָנֶיךָ אִתָּךְ׃
יז כָּל־הַחַיָּה אֲשֶׁר־אִתְּךָ מִכָּל־בָּשָׂר בָּעוֹף וּבַבְּהֵמָה וּבְכָל־
הָרֶמֶשׂ הָרֹמֵשׂ עַל־הָאָרֶץ הוֹצֵא אִתָּךְ וְשָׁרְצוּ בָאָרֶץ וּפָרוּ
יח וְרָבוּ עַל־הָאָרֶץ׃ וַיֵּצֵא־נֹחַ וּבָנָיו וְאִשְׁתּוֹ וּנְשֵׁי־בָנָיו אִתּוֹ׃
יט כָּל־הַחַיָּה כָּל־הָרֶמֶשׂ וְכָל־הָעוֹף כֹּל רוֹמֵשׂ עַל־הָאָרֶץ
כ לְמִשְׁפְּחֹתֵיהֶם יָצְאוּ מִן־הַתֵּבָה׃ וַיִּבֶן נֹחַ מִזְבֵּחַ לַיהוָה
וַיִּקַּח מִכֹּל ׀ הַבְּהֵמָה הַטְּהֹרָה וּמִכֹּל הָעוֹף הַטָּהֹר וַיַּעַל
כא עֹלֹת בַּמִּזְבֵּחַ׃ וַיָּרַח יְהוָה אֶת־רֵיחַ הַנִּיחֹחַ וַיֹּאמֶר יְהוָה
אֶל־לִבּוֹ לֹא־אֹסִף לְקַלֵּל עוֹד אֶת־הָאֲדָמָה בַּעֲבוּר
הָאָדָם כִּי יֵצֶר לֵב הָאָדָם רַע מִנְּעֻרָיו וְלֹא־אֹסִף עוֹד
כב לְהַכּוֹת אֶת־כָּל־חַי כַּאֲשֶׁר עָשִׂיתִי׃ עֹד כָּל־יְמֵי הָאָרֶץ

יז׳ הוצא קרי יח׳ במקף ובנגינה

זֶרַע וְקָצִיר וְקֹר וָחֹם וְקַיִץ וָחֹרֶף וְיוֹם וָלַיְלָה לֹא
יִשְׁבֹּתוּ׃

ט

וַיְבָרֶךְ אֱלֹהִים אֶת־נֹחַ וְאֶת־בָּנָיו וַיֹּאמֶר לָהֶם פְּרוּ וּרְבוּ א
וּמִלְאוּ אֶת־הָאָרֶץ׃ וּמוֹרַאֲכֶם וְחִתְּכֶם יִהְיֶה עַל כָּל־חַיַּת ב
הָאָרֶץ וְעַל כָּל־עוֹף הַשָּׁמָיִם בְּכֹל אֲשֶׁר תִּרְמֹשׂ הָאֲדָמָה
וּבְכָל־דְּגֵי הַיָּם בְּיֶדְכֶם נִתָּנוּ׃ כָּל־רֶמֶשׂ אֲשֶׁר הוּא־חַי לָכֶם ג
יִהְיֶה לְאָכְלָה כְּיֶרֶק עֵשֶׂב נָתַתִּי לָכֶם אֶת־כֹּל׃ אַךְ־בָּשָׂר ד
בְּנַפְשׁוֹ דָמוֹ לֹא תֹאכֵלוּ׃ וְאַךְ אֶת־דִּמְכֶם לְנַפְשֹׁתֵיכֶם ה
אֶדְרֹשׁ מִיַּד כָּל־חַיָּה אֶדְרְשֶׁנּוּ וּמִיַּד הָאָדָם מִיַּד אִישׁ אָחִיו
אֶדְרֹשׁ אֶת־נֶפֶשׁ הָאָדָם׃ שֹׁפֵךְ דַּם הָאָדָם בָּאָדָם דָּמוֹ ו
יִשָּׁפֵךְ כִּי בְּצֶלֶם אֱלֹהִים עָשָׂה אֶת־הָאָדָם׃ וְאַתֶּם פְּרוּ ז
וּרְבוּ שִׁרְצוּ בָאָרֶץ וּרְבוּ־בָהּ׃ ס וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים אֶל־ חמ׳
נֹחַ וְאֶל־בָּנָיו אִתּוֹ לֵאמֹר׃ וַאֲנִי הִנְנִי מֵקִים אֶת־בְּרִיתִי ט
אִתְּכֶם וְאֶת־זַרְעֲכֶם אַחֲרֵיכֶם׃ וְאֵת כָּל־נֶפֶשׁ הַחַיָּה אֲשֶׁר י
אִתְּכֶם בָּעוֹף בַּבְּהֵמָה וּבְכָל־חַיַּת הָאָרֶץ אִתְּכֶם מִכֹּל יֹצְאֵי
הַתֵּבָה לְכֹל חַיַּת הָאָרֶץ׃ וַהֲקִמֹתִי אֶת־בְּרִיתִי אִתְּכֶם יא
וְלֹא־יִכָּרֵת כָּל־בָּשָׂר עוֹד מִמֵּי הַמַּבּוּל וְלֹא־יִהְיֶה עוֹד
מַבּוּל לְשַׁחֵת הָאָרֶץ׃ וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים זֹאת אוֹת־הַבְּרִית יב
אֲשֶׁר־אֲנִי נֹתֵן בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם וּבֵין כָּל־נֶפֶשׁ חַיָּה אֲשֶׁר אִתְּכֶם
לְדֹרֹת עוֹלָם׃ אֶת־קַשְׁתִּי נָתַתִּי בֶּעָנָן וְהָיְתָה לְאוֹת בְּרִית יג
בֵּינִי וּבֵין הָאָרֶץ׃ וְהָיָה בְּעַנְנִי עָנָן עַל־הָאָרֶץ וְנִרְאֲתָה יד
הַקֶּשֶׁת בֶּעָנָן׃ וְזָכַרְתִּי אֶת־בְּרִיתִי אֲשֶׁר בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם וּבֵין טו
כָּל־נֶפֶשׁ חַיָּה בְּכָל־בָּשָׂר וְלֹא־יִהְיֶה עוֹד הַמַּיִם לְמַבּוּל
לְשַׁחֵת כָּל־בָּשָׂר׃ וְהָיְתָה הַקֶּשֶׁת בֶּעָנָן וּרְאִיתִיהָ לִזְכֹּר טז
בְּרִית עוֹלָם בֵּין אֱלֹהִים וּבֵין כָּל־נֶפֶשׁ חַיָּה בְּכָל־בָּשָׂר
אֲשֶׁר עַל־הָאָרֶץ׃ וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים אֶל־נֹחַ זֹאת אוֹת־הַבְּרִית יז
אֲשֶׁר הֲקִמֹתִי בֵּינִי וּבֵין כָּל־בָּשָׂר אֲשֶׁר עַל־הָאָרֶץ׃ פ

און שניט, און קעלט און היץ, און זומער און ווינטער, און טאָג און נאַכט, ניט אויפהערן.

ט [1] און גאָט האָט געבענטשט נחן און זײַנע זין, און האָט צו זיי געזאָגט: פרוכפּערט אײַך און מערט אײַך, און פילט אָן די ערד. [2] און אײַער מורא און אײַער שרעק זאָל זײַן אויף יעטוועדער חיה פון דער ערד, און אויף יעטוועדער פויגל פון הימל, אויף אַלץ וואָס די ערד ווידמעט, און אויף אַלע פישן פון ים; אין אײַער האַנט זײַנען זיי איבערגעגעבן. [3] אַלץ וואָס באַוועגט זיך, וואָס לעבט, זאָל זײַן פאַר אײַך צום עסן; אַזוי ווי גרינע קרײַטעכץ האָב איך אײַך דאָס אַלץ געגעבן. [4] נאָר פלייש מיט זײַן לעבן, זײַן בלוט, זאָלט איר ניט עסן. [5] און פאַרוואָר, אײַער בלוט, פון אײַערע נפשות, וועל איך אויפמאָנען; פון דער האַנט פון איטלעכער חיה וועל איך עס אויפמאָנען, און פון דער האַנט פון דעם מענטשן, פון דער האַנט פון דעם מענטשן זײַן ברודער, וועל איך אויפמאָנען דאָס לעבן פון אַ מענטשן. [6] דער וואָס פאַרגיסט דאָס בלוט פון אַ מענטשן, זאָל דורך אַ מענטשן זײַן בלוט פאַרגאָסן ווערן; וואָרום אין דער געשטאַלט פון גאָט האָט ער געמאַכט דעם מענטשן. [7] און איר, פרוכפּערט אײַך און מערט אײַך; ווידמעט אײַך אויף דער ערד, און מערט אײַך אויף איר.

[8] און גאָט האָט געזאָגט צו נחן און צו זײַנע זין מיט אים, אַזוי צו זאָגן: [9] און איך, זע, איך שטעל אויף מײַן בונד מיט אײַך, און מיט אײַער זאָמען נאָך אײַך, [10] און מיט יעטוועדער לעבעדיקער באַשעפעניש וואָס מיט אײַך, סיי אַ פויגל, סיי אַ בהמה, סיי יעטוועדער חיה פון דער ערד מיט אײַך, פון די אַלע וואָס זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון דער תּבֿה, אַלע לעבעדיקע זאַכן פון דער ערד. [11] און איך וועל אויפשטעלן מײַן בונד מיט אײַך, און עס וועלן מער ניט פאַרשניטן ווערן אַלע לײַבער פון אַ מבול־געוויסער, און עס וועט מער ניט זײַן קיין מבול אומצוברענגען די ערד. [12] און גאָט האָט געזאָגט: דאָס איז דער צייכן פון דעם בונד וואָס איך גיב צווישן מיר און צווישן אײַך, און צווישן יעטוועדער לעבעדיקער באַשעפעניש וואָס מיט אײַך, אויף אייביקע דורות: [13] מײַן בויגן האָב איך אַרײַנגעטאָן אין וואָלקן, און ער וועט זײַן פאַר אַ צייכן פון בונד צווישן מיר און צווישן דער ערד. [14] און עס וועט זײַן, ווען איך טו וואָלקענען אַ וואָלקן אויף דער ערד, אַזוי וועט זיך באַווײַזן דער בויגן אין דעם וואָלקן, [15] און איך וועל זיך דערמאָנען אָן מײַן בונד וואָס צווישן מיר און צווישן אײַך, און צווישן יעטוועדער לעבעדיקער באַשעפעניש פון אַלע לײַבער, און דאָס וואַסער וועט מער ניט ווערן אַ מבול אומצוברענגען אַלע לײַבער. [16] און דער בויגן וועט זײַן אין דעם וואָלקן, און איך וועל קוקן אויף אים, כּדי זיך צו דערמאָנען אָן דעם אייביקן בונד צווישן גאָט און צווישן יעטוועדער לעבעדיקער באַשעפעניש פון אַלע לײַבער וואָס אויף דער ערד. [17] און גאָט האָט געזאָגט צו נחן: דאָס איז דער צייכן פון דעם בונד וואָס איך האָב אויפגעשטעלט צווישן מיר און צווישן אַלע לײַבער וואָס אויף דער ערד.

ששי וַיִּהְיוּ בְנֵי־נֹחַ הַיֹּצְאִים מִן־הַתֵּבָה שֵׁם וְחָם וָיָפֶת וְחָם הוּא
יט אֲבִי כְנָעַן׃ שְׁלֹשָׁה אֵלֶּה בְּנֵי־נֹחַ וּמֵאֵלֶּה נָפְצָה כָל־הָאָרֶץ׃
כ כא וַיָּחֶל נֹחַ אִישׁ הָאֲדָמָה וַיִּטַּע כָּרֶם׃ וַיֵּשְׁתְּ מִן־הַיַּיִן וַיִּשְׁכָּר
כב וַיִּתְגַּל בְּתוֹךְ אָהֳלֹה׃ וַיַּרְא חָם אֲבִי כְנַעַן אֵת עֶרְוַת אָבִיו
כג וַיַּגֵּד לִשְׁנֵי־אֶחָיו בַּחוּץ׃ וַיִּקַּח שֵׁם וָיֶפֶת אֶת־הַשִּׂמְלָה
וַיָּשִׂימוּ עַל־שְׁכֶם שְׁנֵיהֶם וַיֵּלְכוּ אֲחֹרַנִּית וַיְכַסּוּ אֵת עֶרְוַת
כד אֲבִיהֶם וּפְנֵיהֶם אֲחֹרַנִּית וְעֶרְוַת אֲבִיהֶם לֹא רָאוּ׃ וַיִּיקֶץ
כה נֹחַ מִיֵּינוֹ וַיֵּדַע אֵת אֲשֶׁר־עָשָׂה לוֹ בְּנוֹ הַקָּטָן׃ וַיֹּאמֶר
כו אָרוּר כְּנָעַן עֶבֶד עֲבָדִים יִהְיֶה לְאֶחָיו׃ וַיֹּאמֶר בָּרוּךְ יְהוָה
כז אֱלֹהֵי שֵׁם וִיהִי כְנַעַן עֶבֶד לָמוֹ׃ יַפְתְּ אֱלֹהִים לְיֶפֶת וְיִשְׁכֹּן
כח בְּאָהֳלֵי־שֵׁם וִיהִי כְנַעַן עֶבֶד לָמוֹ׃ וַיְחִי־נֹחַ אַחַר הַמַּבּוּל
כט שְׁלֹשׁ מֵאוֹת שָׁנָה וַחֲמִשִּׁים שָׁנָה׃ וַיִּהְיוּ כָּל־יְמֵי־נֹחַ תְּשַׁע
מֵאוֹת שָׁנָה וַחֲמִשִּׁים שָׁנָה וַיָּמֹת׃ פ

י

א וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת בְּנֵי־נֹחַ שֵׁם חָם וָיָפֶת וַיִּוָּלְדוּ לָהֶם בָּנִים
ב אַחַר הַמַּבּוּל׃ בְּנֵי יֶפֶת גֹּמֶר וּמָגוֹג וּמָדַי וְיָוָן וְתֻבָל וּמֶשֶׁךְ
ג ד וְתִירָס׃ וּבְנֵי גֹּמֶר אַשְׁכְּנַז וְרִיפַת וְתֹגַרְמָה׃ וּבְנֵי יָוָן
ה אֱלִישָׁה וְתַרְשִׁישׁ כִּתִּים וְדֹדָנִים׃ מֵאֵלֶּה נִפְרְדוּ אִיֵּי הַגּוֹיִם
ו בְּאַרְצֹתָם אִישׁ לִלְשֹׁנוֹ לְמִשְׁפְּחֹתָם בְּגוֹיֵהֶם׃ וּבְנֵי חָם
ז כּוּשׁ וּמִצְרַיִם וּפוּט וּכְנָעַן׃ וּבְנֵי כוּשׁ סְבָא וַחֲוִילָה וְסַבְתָּה
ח וְרַעְמָה וְסַבְתְּכָא וּבְנֵי רַעְמָה שְׁבָא וּדְדָן׃ וְכוּשׁ יָלַד אֶת־
ט נִמְרֹד הוּא הֵחֵל לִהְיוֹת גִּבֹּר בָּאָרֶץ׃ הוּא־הָיָה גִבֹּר־צַיִד
לִפְנֵי יְהוָה עַל־כֵּן יֵאָמַר כְּנִמְרֹד גִּבּוֹר צַיִד לִפְנֵי יְהוָה׃
י וַתְּהִי רֵאשִׁית מַמְלַכְתּוֹ בָּבֶל וְאֶרֶךְ וְאַכַּד וְכַלְנֵה בְּאֶרֶץ
יא שִׁנְעָר׃ מִן־הָאָרֶץ הַהִוא יָצָא אַשּׁוּר וַיִּבֶן אֶת־נִינְוֵה וְאֶת־
יב רְחֹבֹת עִיר וְאֶת־כָּלַח׃ וְאֶת־רֶסֶן בֵּין נִינְוֵה וּבֵין כָּלַח
יג הִוא הָעִיר הַגְּדֹלָה׃ וּמִצְרַיִם יָלַד אֶת־לוּדִים וְאֶת־עֲנָמִים

ט, כט׳ כצ״ל

[18] און די זין פון נחן וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער תּבה, זיינען געווען שם, חם, און יֶפֶת; און חָם, דאָס איז דער פאָטער פון כּנען. [19] דידאָזיקע דריי זיינען געווען די זין פון נחן, און פון זיי האָט זיך צעשפּרייט די גאַנצע ערד.

[20] און נח דער אַקערמאַן האָט גענומען און האָט געפלאַנצט אַ ווייגאָרטן. [21] און ער האָט געטרונקען פון דעם וויין, און איז געוואָרן שיכּור און האָט זיך אָפּגעדעקט אין זיין געצעלט. [22] האָט חָם דער פאָטער פון כּנַען געזען די נאַקעטקייט פון זיין פאָטער, און האָט דערציילט זיינע צוויי ברידער דרויסן. [23] האָבן שֵם און יֶפֶת גענומען אַ מאַנטל, און אַרויפגעטאָן אויף זייערע ביידנס אַקסלען, און זיי זיינען געגאַנגען הינטערוויילעכס, און האָבן צוגע־דעקט די נאַקעטקייט פון זייער פאָטער, מיט זייערע פּנימער אַהינטער, און זיי האָבן ניט געזען די נאַקעטקייט פון זייער פאָטער. [24] און נח האָט זיך אויסגעניכטערט פון זיין וויין, און האָט געמערקט וואָס זיין יינגערער זון האָט אים געטאָן. [25] און ער האָט געזאָגט:

פאַרשאָלטן זאָל זיין כּנַען,
אַ קנעכט פון קנעכט זאָל ער זיין ביי זיינע ברידער.

[26] און ער האָט געזאָגט:

געלויבט איז יהוה דער גאָט פון שֵם;
און כּנַען זאָל זיין אַ קנעכט ביי זיי.
[27] דערברייטערן זאָל גאָט יֶפֶתןַ[א],
און ער זאָל רוען אין די געצעלטן פון שֵם;
און כּנַען זאָל זיין אַ קנעכט ביי זיי.

[28] און נח האָט געלעבט נאָכן מבול דריי הונדערט יאָר און פופציק יאָר. [29] און אַלע טעג פון נחן זיינען געווען ניין הונדערט יאָר און פופציק יאָר; און ער איז געשטאָרבן.

י [1] און דאָס זיינען די געבורטן פון נחס קינדער: שֵם, חָם, און יֶפֶת; און ביי זיי זיינען געבאָרן געוואָרן זין נאָכן מבול. [2] די זין פון יֶפֶתן זיינען געווען: גוֹמֶר, און מָגוֹג, און מָדַי, און יָוָן, און תּובַל, און מֶשֶך, און תִּירָס. [3] און די זין פון גוֹמֶרן: אַשכּנַז, און רִיפַת, און תּוֹגַרמָה. [4] און די זין פון יָוָנען: אֱלִישָה, און תַּרשִיש, כִּתִּים, און דוֹדָנִים. [5] פון דידאָזיקע האָבן זיך פאַנאַנדערגעשיידט די אינדזלען פון די פעלקער אין זייערע לענדער, איטלעכער לויט זיין לשון, לויט זייערע משפּחות, אין זייערע פעלקער.

[6] און די זין פון חָמען זיינען געווען: כּוּש, און מִצרַיִם, און פוּט, און כּנַען. [7] און די זין פון כּושן: סבאָ, און חַוִילָה, און סַבתָּה, און רַעמָה, און סַבתּכאָ. און די זין פון רַעמָהן: שבאָ און דדָן. [8] און כּוש האָט געבאָרן נִמרודן. ער איז געווען דער ערשטער מאַכטיקער אויף דער ערד. [9] ער איז געווען אַ מאַכטיקער יעגער פאַר גאָט; דרום ווערט געזאָגט: אַזוי ווי נִמרוד, אַ מאַכטיקער יעגער פאַר גאָט. [10] און דער אָנהייב פון זיין קיניגרייך איז געווען בָּבֶל, און אֶרֶך, און אַכַּד, און כַּלנֵה, אין לאַנד שִנעָר. [11] פון יענעם לאַנד איז ער אַרויסגעגאַנגען קיין אַשור, און האָט געבויט נינוֵה, און רחובות־עיר, און כָּלַח, [12] און רֶסֶן, צווישן נינוֵה און צווישן כֶּלַח, דאָס איז די גרויסע שטאָט. [13] און מִצרַיִם האָט געבאָרן לודים, און

[א] וואָרטשפּיל: יַפְתְּ—יֶפֶת.

וְאֶת־לְהָבִים וְאֶת־נַפְתֻּחִים׃ וְאֶת־פַּתְרֻסִים וְאֶת־כַּסְלֻחִים יד
אֲשֶׁר יָצְאוּ מִשָּׁם פְּלִשְׁתִּים וְאֶת־כַּפְתֹּרִים׃ ס וּכְנַעַן טו
יָלַד אֶת־צִידֹן בְּכֹרוֹ וְאֶת־חֵת׃ וְאֶת־הַיְבוּסִי וְאֶת־הָאֱמֹרִי טז
וְאֵת הַגִּרְגָּשִׁי׃ וְאֶת־הַחִוִּי וְאֶת־הָעַרְקִי וְאֶת־הַסִּינִי׃ וְאֶת־ יז יח
הָאַרְוָדִי וְאֶת־הַצְּמָרִי וְאֶת־הַחֲמָתִי וְאַחַר נָפֹצוּ מִשְׁפְּחוֹת
הַכְּנַעֲנִי׃ וַיְהִי גְּבוּל הַכְּנַעֲנִי מִצִּידֹן בֹּאֲכָה גְרָרָה עַד־עַזָּה יט
בֹּאֲכָה סְדֹמָה וַעֲמֹרָה וְאַדְמָה וּצְבֹיִם עַד־לָשַׁע׃ אֵלֶּה כ
בְנֵי־חָם לְמִשְׁפְּחֹתָם לִלְשֹׁנֹתָם בְּאַרְצֹתָם בְּגוֹיֵהֶם׃ ס
וּלְשֵׁם יֻלַּד גַּם־הוּא אֲבִי כָּל־בְּנֵי־עֵבֶר אֲחִי יֶפֶת הַגָּדוֹל׃ כא
בְּנֵי שֵׁם עֵילָם וְאַשּׁוּר וְאַרְפַּכְשַׁד וְלוּד וַאֲרָם׃ וּבְנֵי אֲרָם כב כג
עוּץ וְחוּל וְגֶתֶר וָמַשׁ׃ וְאַרְפַּכְשַׁד יָלַד אֶת־שָׁלַח וְשֶׁלַח כד
יָלַד אֶת־עֵבֶר׃ וּלְעֵבֶר יֻלַּד שְׁנֵי בָנִים שֵׁם הָאֶחָד פֶּלֶג כה
כִּי בְיָמָיו נִפְלְגָה הָאָרֶץ וְשֵׁם אָחִיו יָקְטָן׃ וְיָקְטָן יָלַד אֶת־ כו
אַלְמוֹדָד וְאֶת־שָׁלֶף וְאֶת־חֲצַרְמָוֶת וְאֶת־יָרַח׃ וְאֶת־הֲדוֹרָם כז
וְאֶת־אוּזָל וְאֶת־דִּקְלָה׃ וְאֶת־עוֹבָל וְאֶת־אֲבִימָאֵל וְאֶת־ כח
שְׁבָא׃ וְאֶת־אוֹפִר וְאֶת־חֲוִילָה וְאֶת־יוֹבָב כָּל־אֵלֶּה בְּנֵי כט
יָקְטָן׃ וַיְהִי מוֹשָׁבָם מִמֵּשָׁא בֹּאֲכָה סְפָרָה הַר הַקֶּדֶם׃ ל
אֵלֶּה בְנֵי־שֵׁם לְמִשְׁפְּחֹתָם לִלְשֹׁנֹתָם בְּאַרְצֹתָם לְגוֹיֵהֶם׃ לא
אֵלֶּה מִשְׁפְּחֹת בְּנֵי־נֹחַ לְתוֹלְדֹתָם בְּגוֹיֵהֶם וּמֵאֵלֶּה נִפְרְדוּ לב
הַגּוֹיִם בָּאָרֶץ אַחַר הַמַּבּוּל׃ פ

יא

וַיְהִי כָל־הָאָרֶץ שָׂפָה אֶחָת וּדְבָרִים אֲחָדִים׃ וַיְהִי בְּנָסְעָם א שב׳
מִקֶּדֶם וַיִּמְצְאוּ בִקְעָה בְּאֶרֶץ שִׁנְעָר וַיֵּשְׁבוּ שָׁם׃ וַיֹּאמְרוּ ג
אִישׁ אֶל־רֵעֵהוּ הָבָה נִלְבְּנָה לְבֵנִים וְנִשְׂרְפָה לִשְׂרֵפָה
וַתְּהִי לָהֶם הַלְּבֵנָה לְאָבֶן וְהַחֵמָר הָיָה לָהֶם לַחֹמֶר׃
וַיֹּאמְרוּ הָבָה ׀ נִבְנֶה־לָּנוּ עִיר וּמִגְדָּל וְרֹאשׁוֹ בַשָּׁמַיִם ד
וְנַעֲשֶׂה־לָּנוּ שֵׁם פֶּן־נָפוּץ עַל־פְּנֵי כָל־הָאָרֶץ׃ וַיֵּרֶד יְהוָה ה

י, יז׳ והוא בקמץ  יט׳ וצבוים קרי  כג׳ פתח בס״פ  יא, ג׳ קמץ בז״ק

עֲנָמים, און לְהָבים, און נַפתּוּחים, [14] און פַּתרוּסים, און כַּסלוּחים—פון וואַנען די פּלִשתּים זיינען אַרויסגעקומען— און כַּפתּורים.

[15] און כּנַעַן האָט געבאָרן צידון זיין בכור, און חֵתן, [16] און דעם יבוּסי, און דעם אֱמורי, און דעם גִרגָשי, [17] און דעם חִוִי, און דעם עַרקי, און דעם סיני, [18] און דעם אַרוָדי, און דעם צמָרי, און דעם חֲמָתי; און דערנאָך האָבן זיך צעשפּרייט די משפּחות פון דעם כּנַעֲני. [19] און דער געמאַרק פון דעם כּנַעֲני איז געווען פון צידון, ווי דו גייסט קיין גְרָר, בּיז עַזָה; ווי דו גייסט קיין סדום, און עֲמורָה, און אַדמָה, און צבוֹיִם, ביז לֶשַע. [20] דאָס זיינען די קינדער פון חָם לויט זייערע משפּחות, לויט זייערע לשונות, אין זייערע לענדער, אין זייערע פעלקער.

[21] און ביי שֵם, דעם פאָטער פון אַלע קינדער פון עֵבֶר, דעם עלטערן ברודער פון יֶפֶתן, אויך ביי אים זיינען געבאָרן געוואָרן קינדער. [22] די זין פון שֵמען זיינען געווען: עֵילָם, און אַשור, און אַרפַּכשַד, און לוד, און אַרָם. [23] און די זין פון אַרָמען: עוץ, און חול, און גֶתֶר, און מַש. [24] און אַרפַּכשַד האָט געבאָרן שֶלַחן, און שֶלַח האָט געבאָרן עֵבֶרן. [25] און ביי עֵבֶרן זיינען געבאָרן געוואָרן צוויי זין; דער נאָמען פון איינעם איז געווען פֶּלֶגא, ווייל אין זיינע טעג איז צעטיילט געוואָרן די ערד; און דער נאָמען פון זיין ברודער איז געווען יָקטָן. [26] און יָקטָן האָט געבאָרן אַלמודָדן, און שֶלֶפן, און חֲצַרמָוֶתן, און יֶרַחן, [27] און הֲדורָמען, און אוזָלן, און דִקלָהן, [28] און עובָלן, און אֲבִימָאֵלן, און שבאָן, [29] און אופירן, און חֲוִילָהן, און יובָבן. די אַלע זיינען געווען יָקטָנס זין. [30] און זייער וווינאָרט איז געווען פון מֵשָא, ווי דו קומסט קיין ספָר, ביזן באַרג פון מזרח. [31] דאָס זיינען די זין פון שֵמען לויט זייערע משפּחות, לויט זייערע לשונות, אין זייערע לענדער, לויט זייערע פעלקער.

[32] דאָס זיינען די משפּחות פון נֹחס זין לויט זייערע געבורטן, אין זייערע פעלקער; און פון די דאָזיקע האָבן זיך פונאַנדערגעשיידט די פעלקער אויף דער ערד נאָכן מבול.

יא [1] און די גאַנצע ערד איז געווען איין שפּראַך און איינע ווערטער. [2] און עס איז געווען, אַז זיי האָבן געצויגן אין מזרח, האָבן זיי געפונען אַ פּלוין אין לאַנד שִנעָר, און האָבן זיך דאָרטן באַזעצט. [3] און זיי האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: קומט לאָמיר מאַכן ציגל און אויסברענען אין אַ ברענעריי. און די ציגל איז זיי געווען פאַר שטיין, און ליים איז זיי געווען פאַר וואַפנע. [4] און זיי האָבן געזאָגט: קומט לאָמיר אונדז בויען אַ שטאָט, און אַ טורעם מיט זיין שפּיץ אין הימל, און לאָמיר אונדז מאַכן אַ נאָמען, כּדי מיר זאָלן ניט צעשפּרייט ווערן אויפן געזיכט פון דער גאַנצער ערד. [5] האָט

א צעטיילונג.

גאָט אַראָפּגענידערט צו זען די שטאָט און דעם טורעם, וואָס די מענטשנקינדער האָבן געבויט. [6] און גאָט האָט געזאָגט: זע, זיי זיינען איין פאָלק, און איין שפּראַך איז ביי זיי אַלעמען, און דאָס איז ערשט אַן אָנהייב פון זייער טאָן, און אַצונד וועט פון זיי ניט פאַרמיטן ווערן אַלץ וואָס זיי טראַכטן צו טאָן. [7] קומט לאָמיר אַראָפּנידערן, און צעמישן דאָרטן זייער שפּראַך, אַז זיי זאָלן ניט פאַרשטיין איינער דעם אַנדערנס שפּראַך. [8] און גאָט האָט זיי צעשפּרייט פון דאָרטן אויפן געזיכט פון דער גאַנצער ערד, און זיי האָבן אויפגעהערט בויען די שטאָט. [9] דרום האָט מען גערופן איר נאָמען בָּבל, ווייל דאָרטן האָט גאָט צעמישט[א] די שפּראַך פון דער גאַנצער ערד, און פון דאָרטן האָט זיי גאָט צעשפּרייט אויפן געזיכט פון דער גאַנצער ערד.

[10] דאָס זיינען די געבורטן פון שֵׁמען: צו הונדערט יאָר האָט שֵׁם געבאָרן אַרפַּכשַדן, צוויי יאָר נאָכן מבול. [11] און שֵׁם האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן אַרפַּכשַדן, פינף הונדערט יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער.

[12] און אַרפַּכשַד האָט געלעבט פינף און דרייסיק יאָר, און האָט געבאָרן שֶׁלַחן. [13] און אַרפַּכשַד האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן שֶׁלַחן, פיר הונדערט יאָר און דריי יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער.

[14] און שֶׁלַח האָט געלעבט דרייסיק יאָר, און האָט געבאָרן עֵבֶרן. [15] און שֶׁלַח האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן עֵבֶרן, פיר הונדערט יאָר און דריי יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער.

[16] און עֵבֶר האָט געלעבט פיר און דרייסיק יאָר, און האָט געבאָרן פֶּלֶגן. [17] און עֵבֶר האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן פֶּלֶגן, פיר הונדערט יאָר און דרייסיק יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער.

[18] און פֶּלֶג האָט געלעבט דרייסיק יאָר, און האָט געבאָרן רְעוּן. [19] און פֶּלֶג האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן רְעוּן, צוויי הונדערט יאָר און ניין יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער.

[20] און רְעוּ האָט געלעבט צוויי און דרייסיק יאָר, און האָט געבאָרן שרוּגן. [21] און רְעוּ האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן שרוּגן, צוויי הונדערט יאָר און זיבן יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער.

[22] און שרוּג האָט געלעבט דרייסיק יאָר, און האָט געבאָרן נָחוֹרן. [23] און שרוּג האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן נָחוֹרן, צוויי הונדערט יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער.

[24] און נָחוֹר האָט געלעבט ניין און צוואַנציק יאָר, און האָט געבאָרן תֶּרַחן. [25] און נָחוֹר האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן תֶּרַחן, הונדערט יאָר און ניינצן יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער.

א בָּלל.

לִרְאֹת אֶת־הָעִיר וְאֶת־הַמִּגְדָּל אֲשֶׁר בָּנוּ בְּנֵי הָאָדָם׃
ו וַיֹּאמֶר יְהוָה הֵן עַם אֶחָד וְשָׂפָה אַחַת לְכֻלָּם וְזֶה הַחִלָּם
לַעֲשׂוֹת וְעַתָּה לֹא־יִבָּצֵר מֵהֶם כֹּל אֲשֶׁר יָזְמוּ לַעֲשׂוֹת׃
ז הָבָה נֵרְדָה וְנָבְלָה שָׁם שְׂפָתָם אֲשֶׁר לֹא יִשְׁמְעוּ אִישׁ
ח שְׂפַת רֵעֵהוּ׃ וַיָּפֶץ יְהוָה אֹתָם מִשָּׁם עַל־פְּנֵי כָל־הָאָרֶץ
ט וַיַּחְדְּלוּ לִבְנֹת הָעִיר׃ עַל־כֵּן קָרָא שְׁמָהּ בָּבֶל כִּי־שָׁם
בָּלַל יְהוָה שְׂפַת כָּל־הָאָרֶץ וּמִשָּׁם הֱפִיצָם יְהוָה עַל־פְּנֵי
כָּל־הָאָרֶץ׃ פ
י אֵלֶּה תּוֹלְדֹת שֵׁם שֵׁם בֶּן־מְאַת שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־אַרְפַּכְשָׁד
יא שְׁנָתַיִם אַחַר הַמַּבּוּל׃ וַיְחִי־שֵׁם אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־אַרְפַּכְשָׁד
יב חֲמֵשׁ מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ ס וְאַרְפַּכְשַׁד
יג חַי חָמֵשׁ וּשְׁלֹשִׁים שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־שָׁלַח׃ וַיְחִי אַרְפַּכְשַׁד
אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־שֶׁלַח שָׁלֹשׁ שָׁנִים וְאַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה
יד וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ ס וְשֶׁלַח חַי שְׁלֹשִׁים שָׁנָה וַיּוֹלֶד
טו אֶת־עֵבֶר׃ וַיְחִי־שֶׁלַח אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־עֵבֶר שָׁלֹשׁ שָׁנִים
טז וְאַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ ס וַיְחִי־
יז עֵבֶר אַרְבַּע וּשְׁלֹשִׁים שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־פָּלֶג׃ וַיְחִי־עֵבֶר
אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־פֶּלֶג שְׁלֹשִׁים שָׁנָה וְאַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה
יח וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ ס וַיְחִי־פֶלֶג שְׁלֹשִׁים שָׁנָה וַיּוֹלֶד
יט אֶת־רְעוּ׃ וַיְחִי־פֶלֶג אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־רְעוּ תֵּשַׁע שָׁנִים
כ וּמָאתַיִם שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ ס וַיְחִי רְעוּ שְׁתַּיִם
כא וּשְׁלֹשִׁים שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־שְׂרוּג׃ וַיְחִי רְעוּ אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ
אֶת־שְׂרוּג שֶׁבַע שָׁנִים וּמָאתַיִם שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃
כב כג ס וַיְחִי שְׂרוּג שְׁלֹשִׁים שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־נָחוֹר׃ וַיְחִי שְׂרוּג
אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־נָחוֹר מָאתַיִם שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃
כד כה ס וַיְחִי נָחוֹר תֵּשַׁע וְעֶשְׂרִים שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־תָּרַח׃ וַיְחִי
נָחוֹר אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־תֶּרַח תְּשַׁע־עֶשְׂרֵה שָׁנָה וּמְאַת

יא' קמץ בז"ק

שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ ס וַיְחִי־תֶרַח שִׁבְעִים שָׁנָה כו
וַיּוֹלֶד אֶת־אַבְרָם אֶת־נָחוֹר וְאֶת־הָרָן׃ וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת תֶּרַח כז
תֶּרַח הוֹלִיד אֶת־אַבְרָם אֶת־נָחוֹר וְאֶת־הָרָן וְהָרָן הוֹלִיד
אֶת־לוֹט׃ וַיָּמָת הָרָן עַל־פְּנֵי תֶּרַח אָבִיו בְּאֶרֶץ מוֹלַדְתּוֹ כח
בְּאוּר כַּשְׂדִּים׃ וַיִּקַּח אַבְרָם וְנָחוֹר לָהֶם נָשִׁים שֵׁם אֵשֶׁת־ מפ׳
אַבְרָם שָׂרָי וְשֵׁם אֵשֶׁת־נָחוֹר מִלְכָּה בַּת־הָרָן אֲבִי־מִלְכָּה
וַאֲבִי יִסְכָּה׃ וַתְּהִי שָׂרַי עֲקָרָה אֵין לָהּ וָלָד׃ וַיִּקַּח תֶּרַח ל לא
אֶת־אַבְרָם בְּנוֹ וְאֶת־לוֹט בֶּן־הָרָן בֶּן־בְּנוֹ וְאֵת שָׂרַי כַּלָּתוֹ
אֵשֶׁת אַבְרָם בְּנוֹ וַיֵּצְאוּ אִתָּם מֵאוּר כַּשְׂדִּים לָלֶכֶת אַרְצָה
כְּנַעַן וַיָּבֹאוּ עַד־חָרָן וַיֵּשְׁבוּ שָׁם׃ וַיִּהְיוּ יְמֵי־תֶרַח חָמֵשׁ לב
שָׁנִים וּמָאתַיִם שָׁנָה וַיָּמָת תֶּרַח בְּחָרָן׃ פ

[26] און תֶּרַח האָט געלעבט זיבעציק יאָר, און האָט געבאָרן אַברמען, נָחורן, און הָרָנען.

[27] און דאָס זיינען די געבורטן פון תֶּרַחן: תֶּרַח האָט געבאָרן אַברמען, נָחורן, און הָרָנען; און הָרָן האָט געבאָרן לוטן. [28] און הָרָן איז געשטאָרבן ביים לעבן פון זיין פאָטער תֶּרַחן, אין לאַנד פון זיין געבורט, אין אור־כַּשדים. [29] און אַברם און נָחור האָבן זיך גענומען ווייבער; דער נאָמען פון אַברמס ווייב איז געווען שָׂרַי, און דער נאָמען פון נָחורס ווייב איז געווען מִלכָּה, די טאָכטער פון הָרָן, דעם פאָטער פון מִלכָּהן און דעם פאָטער פון יִסכָּהן. [30] און שָׂרַי איז געווען אַן עקרה, זי האָט ניט געהאַט קיין קינדער.

[31] און תֶּרַח האָט גענומען זיין זון אַברמען, און זיין איניקל לוט, דער זון פון הָרָנען, און זיין שנור שָׂרַי, די ווייב פון זיין זון אַברמען, און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען מיט זיי פון אור־כַּשדים, צו גיין קיין לאַנד כּנַעַן. און זיי זיינען געקומען ביז חָרָן, און האָבן זיך דאָרטן באַזעצט.

[32] און די טעג פון תֶּרַחן זיינען געווען צוויי הונדערט יאָר און פינף יאָר. און תֶּרַח איז געשטאָרבן אין חָרָן.

# לֶךְ־לְךָ

יב

וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־אַבְרָם לֶךְ־לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית א
אָבִיךָ אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ׃ וְאֶעֶשְׂךָ לְגוֹי גָּדוֹל וַאֲבָרֶכְךָ ב
וַאֲגַדְּלָה שְׁמֶךָ וֶהְיֵה בְּרָכָה׃ וַאֲבָרְכָה מְבָרְכֶיךָ וּמְקַלֶּלְךָ ג
אָאֹר וְנִבְרְכוּ בְךָ כֹּל מִשְׁפְּחֹת הָאֲדָמָה׃ וַיֵּלֶךְ אַבְרָם כַּאֲשֶׁר ד
דִּבֶּר אֵלָיו יְהוָה וַיֵּלֶךְ אִתּוֹ לוֹט וְאַבְרָם בֶּן־חָמֵשׁ שָׁנִים
וְשִׁבְעִים שָׁנָה בְּצֵאתוֹ מֵחָרָן׃ וַיִּקַּח אַבְרָם אֶת־שָׂרַי אִשְׁתּוֹ ה
וְאֶת־לוֹט בֶּן־אָחִיו וְאֶת־כָּל־רְכוּשָׁם אֲשֶׁר רָכָשׁוּ וְאֶת־
הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר־עָשׂוּ בְחָרָן וַיֵּצְאוּ לָלֶכֶת אַרְצָה כְּנַעַן וַיָּבֹאוּ
אַרְצָה כְּנָעַן׃ וַיַּעֲבֹר אַבְרָם בָּאָרֶץ עַד מְקוֹם שְׁכֶם עַד ו
אֵלוֹן מוֹרֶה וְהַכְּנַעֲנִי אָז בָּאָרֶץ׃ וַיֵּרָא יְהוָה אֶל־אַבְרָם ז
וַיֹּאמֶר לְזַרְעֲךָ אֶתֵּן אֶת־הָאָרֶץ הַזֹּאת וַיִּבֶן שָׁם מִזְבֵּחַ לַיהוָה
הַנִּרְאֶה אֵלָיו׃ וַיַּעְתֵּק מִשָּׁם הָהָרָה מִקֶּדֶם לְבֵית־אֵל וַיֵּט ח
אָהֳלֹה בֵּית־אֵל מִיָּם וְהָעַי מִקֶּדֶם וַיִּבֶן־שָׁם מִזְבֵּחַ לַיהוָה
וַיִּקְרָא בְּשֵׁם יְהוָה׃ וַיִּסַּע אַבְרָם הָלוֹךְ וְנָסוֹעַ הַנֶּגְבָּה׃ פ ט

יא,כט׳ קמץ בזק   לב׳ נון כווה   יב,ה׳ קמץ בזק

**יב** [1] און גאָט האָט געזאָגט צו אַברמען: גיי דיר אַוועק פון דיין לאַנד, און פון דיין אָפּשטאַם, און פון דיין פאָטערס הויז, צו דעם לאַנד וואָס איך וועל דיר ווייזן. [2] און איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק, און איך וועל דיך בענטשן, און גרייסן דיין נאָמען, און וועסט זיין אַ בענטשונג. [3] און איך וועל בענטשן די וואָס בענטשן דיך, און דעם וואָס פלוכט דיך וועל איך פאַרשילטן; און מיט דיר וועלן זיך בענטשן אַלע משפחות פון דער ערד.

[4] און אַברם איז געגאַנגען אַזוי ווי גאָט האָט צו אים גערעדט; און לוט איז מיטגעגאַנגען מיט אים. און אַברם איז געווען אַ מאַן פון פינף און זיבעציק יאָר ביי זיין אַרויסגיין פון חָרָן. [5] און אַברם האָט גענומען זיין ווייב שָׂרַין, און זיין ברודערס זון לוטן, און זייער גאַנצן פאַרמעג וואָס זיי האָבן אָנגעקליבן, און די נפשות וואָס זיי האָבן זיך אָנגעשאַפט אין חָרָן, און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען צו גיין קיין לאַנד כּנַעַן; און זיי זיינען געקומען קיין לאַנד כּנַעַן. [6] און אַברם איז דורכגעגאַנגען דורכן לאַנד ביז דעם אָרט פון שכֶם, ביז דעם אייכנבוים מוֹרֶה. און דער כּנַעֲני איז דענסמאָל געווען אין לאַנד.

[7] און יהוה האָט זיך באַוויזן צו אַברמען, און האָט געזאָגט: צו דיין זאָמען וועל איך געבן דאָסדאָזיקע לאַנד. און ער האָט דאָרטן געבויט אַ מזבח צו יהוה וואָס האָט זיך באַוויזן צו אים.

[8] און ער האָט זיך איבערגעטראָגן פון דאָרטן צום באַרג, אין מזרח פון בֵּית־אֵל; און ער האָט אויפגעשטעלט זיין געצעלט מיט בֵּית־אֵל פון מערב, און עַי פון מזרח; און ער האָט דאָרטן געבויט אַ מזבח צו יהוה, און האָט גערופן צו דעם נאָמען יהוה.

[9] און אַברם האָט געצויגן, ציענדיק אַלץ ווייטער צו דָרום.